**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט אויף כמעט 33 מיליאן דאלער געשאנקען צו ניו יארק פארמעס צו באשיצן איבער 12,300 אקער פון פארם לענדער**

***33 פראיעקטן ווערן געשאנקען אין די פינגער לעיקס, סאוטערן טייער, מיד-האדסאן, מוהאק וועלי, צענטראל ניו יארק, און קאפיטאל ראיאנען וועלן אפהיטן 12,356 אקער פון נוצבארע אגריקולטוראלע לאנד דורך דער פארם לענדער באשיצונג פראגראם***

***118,400 אקער פון פארם לענדער באשיצט איבער דעם סטעיט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז כמעט 33 מיליאן דאלער ווערט געשאנקען צו נאנ-פראפיט אפהיטונג ארגאניזאציעס צו באשיצן סך הכל 12,356 אקער פון ווערטפולע פארם לענדער אויף 33 פארמעס איבער'ן סטעיט דורך די פארם לענדער באשיצונג איינפירונג שענקונגען (FPIG) פראגראם. דאס איז די דריטע און לעצטע גרופע פון אפהיטונג פארלייכטערונגען וואס ווערן געצאלט דורך די 19'טע רונדע פון דעם פראגראם, וועלכע העלפט אפהיטן אגריקולטוראלע לאנד צו פראדוצירן, פארזיכערן די לאנג-טערמיניגע באנוץ פון ניו יארק'ס פארמעריי אפעראציעס, און שטארקן ניו יארק'ס אינדוסטריע פון אגריקולטור.

"ניו יארק'ס פארם לענדער און אונזערע רייכע באדנס איבערן סטעיט זענען טייערע רעסאורסעס, זיי שטעלן אונז צו אפענע באדנס און שיצן דאס פראדוקציע פון די עסנווארג מיר עסן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורכן באשיצן אונזערע פארם לענדער, קענען מיר העלפן צו פארזיכערן דאס אויפהאלטונג און ערפאלג פון ניו יארק אגריקולטור פאר די קומענדיגע דורות, דאס איז די סיבה דער יאר'ס בודזשעט האט ווידער אריינגענומען באדייטנדע באצאלונג פאר די פארם לענדער באשיצונג פראגראם."

די 19'טע רונדע פון די סטעיט'ס פארם לענדער באשיצונג פראגראם שטיצט די סטעיט'ס הויפט פריאריטעטן – ווי עסן זיכערהייט, קלימאט פריינטליכקייט און באשיצונג פון וואסער קוועלער – און עס רעכנט אריין די פארם וועלדער, פערדן און וויין אינדוסטריעס אלס בארעכטיגטע אפליקאנטן. אין צוגאב צו דעם, נעמט אריין די בארעכטיגטע קריטעריע דריי נייערע קאטעגאריעס: פעלד געוויקסן, בעלי חיים אדער פראדוקטן פון בעלי חיים, און צוטריט צו פארם לענדער. צוטריט צו פארם לענדער איז כדי צו העלפן אדרעסירן די אנגייענדע שוועריגקייטן וואס שטייען פאר פארמער וואס זענען ניי און הייבן ערשט אן ווי אויך די פארמערס וואס גייען ארויס אויף פענסיע אין דעם געביט.

ביז אהער, האט די FPIG פראגראם געהאלפן אפהיטן מער ווי 118,400 אקער פון ניו יארק פארם לענדער דורך פארענדיגטע אפהיטונג פארלייכטערנדע (conservation easement) פראיעקטן וואס קומען אויס צו מער ווי 282 מיליאן דאלער אויף 397 פארמעס.

די פאלגנדע פראיעקטן זענען געשאנקען געווארן אין די קאפיטאל ראיאן, מוהאק, מיד-האדסאן, צענטראל ניו יארק, פינגער לעיקס, און סאוטערן טייער ראיאנען, סך הכל 32,835,191 דאלער:

**קאפיטאל ראיאן (4,588,886 דאלער פאר 2,619 אקער):**

- אגריקולטוראלע סטווארדשיפ אסאסיעישאן (וואשינגטאן קאונטי) - פולערטאן פארם-עלדרידזש לעין (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון לייווסטאק אדער לייווסטאק פראדוקטן ) - 660,996 דאלער פאר 485 אקער מיט 75 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- אגריקולטוראלע סטווארדשיפ אסאסיעישאן (וואשינגטאן קאונטי) - ווודי היל פארם II (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון לייווסטאק אדער לייווסטאק פראדוקטן )- 1,234,101 דאלער פאר 709 אקער מיט 39 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- מוהאק האדסאן לאנד קאנסערווענסי (אלבעני קאונטי) - אייט מייל קריק פארם-וועסטערלו (לייווסטאק און גרינס אפעראציע געשאנקען אונטער די קאטעגאריע פון סאורס וואסער באשיצונג) - 575,171 דאלער פאר 277 אקער מיט 74 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- אגריקולטוראלע סטווארדשיפ אסאסיעישאן (רענססעליר קאונטי) - לארקין היל פארם (עקווין אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון עקווין) - 363,588 דאלער פאר 75 אקער מיט 73 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- אגריקולטוראלע סטווארדשיפ אסאסיעישאן (וואשינגטאן קאונטי) - וואלקער פארמעס (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון לייווסטאק אדער לייווסטאק פראדוקטן ) - 1,259,163 דאלער פאר 873 אקער מיט 52 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- קאלאמביע לאנד קאנסערווענסי (קאלאמביע קאונטי) - שאדאוברוק פארם (לייווסטאק אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון לייווסטאק אדער לייווסטאק פראדוקטן ) - 227,200 דאלער פאר 117 אקער מיט 65 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- אגריקולטוראלע סטווארדשיפ אסאסיעישאן (רענססעליר קאונטי) - מורט'ס מעיפל פארם (מעיפל סעפ אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון אגרי-וואלדעריי) - 268,667 דאלער פאר 83 אקער מיט 61 פראצענט פראדוקטיווע באדנס

**מוהאק וועלי ראיאן (2,146,057 דאלער פאר 738 אקער):**

- אוסטיגו לענד טראסט (אוסטיגו קאונטי) - יונגע פאמיליע מילכיגע פארם (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון לייווסטאק אדער לייווסטאק פראדוקטן) - 936,323 דאלער פאר 376 אקער מיט 63 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- אוסטיגו לאנד טראסט (אוסטיגו קאונטי) - פייעספול וויו מידאוס (קאלב פלייש אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון לייווסטאק אדער לייווסטאק פראדוקטן) - 429,150 דאלער פאר 101 אקער מיט 49 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- אוסטיגו לענד טראסט (אוסטיגו קאונטי) - מיללער'ס ארגאנישע מילכיגע פארם -אלען לייק ראוד (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון לייווסטאק אדער לייווסטאק פראדוקטן) - 260,214 דאלער פאר 72 אקער מיט 73 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- אוסטיגו לענד טראסט (אוסטיגו קאונטי) - מיללער'ס ארגאנישע מילכיגע פארם-האוק ראוד (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון קוואל וואסער באשיצונג)- 520,370 דאלער פאר 189 אקער מיט 61 פראצענט פראדוקטיווע באדנס

**מיד-האדסאן ראיאן (1,497,169 דאלער פאר 311 אקער):**

- ארענדזש קאונטי לענד טראסט (ארענדזש קאונטי) - מוראקזעוסקי פארם (היי אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 817,707 דאלער פאר 166 אקער מיט 38 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דאטשעס לענד קאנסערוועני (דאטשעס קאונטי) - קנעפ פארם (קעש געוויקסן אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 679,462 דאלער פאר 145 אקער מיט 78 פראצענט פראדוקטיווע באדנס

**צענטראלע ניו יארק ראיאן (4,477,300 דאלער פאר 1,211 אקער):**

- ניו יארק אגריקולטור לענד טראסט (קאיוגא קאונטי) - פאמיליע סטיהר פארם (קעש געוויקסן אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 875,316 דאלער פאר 177 אקער מיט 77 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- ניו יארק אגריקולטור לענד טראסט (אנאנדאגע קאונטי) - לאקווד פארם (קעש געוויקסן און שאף אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 876,414 דאלער פאר 119 אקער מיט 77 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- ניו יארק אגריקולטור לענד טראסט (קאיוגא קאונטי) - הוריגאן פארמעס פון עלברידזש (מילכיגע און קעש געוויקסן אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 799,040 דאלער פאר 383 אקער מיט 75 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- ניו יארק אגריקולטור לענד טראסט (אנאנדאגע קאונטי) - ליו מעיפל לעין פארם (מילכיגע און קעש געוויקסן אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 1,926,530 דאלער פאר 532 אקער מיט 68 פראצענט פראדוקטיווע באדנס

**פינגער לעיקס ראיאן (18,936,083 פאר 7,049 אקער):**

- דזשענעסי וועלי קאנסערוועני (וויאמינג קאונטי) - סילווער העיוען פארמעס (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 1,876,790 דאלער פאר 565 אקער מיט 98 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דזשענעסי וועלי קאנסערוועני (וויאמינג קאונטי) - ווודוועיל פארמעס נומער 1 (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 1,316,195 דאלער פאר 425 אקער מיט 75 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דזשענעסי וועלי קאנסערוועני (וויאמינג קאונטי) - ווודוועיל פארמעס נומער 2 (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 1,082,901 דאלער פאר 355 אקער מיט 57 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- וועסטערן ניו יארק לענד קאנסערוועני (דזשענעסי קאונטי) - טייעדע פארם (קעש געוויקסן אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון פעלד געוויקסן) - 519,271 דאלער פאר 246 אקער מיט 56 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- פינגער לעיקס לענד טראסט (יעיטס קאונטי) - האלפיין פארם (קעש געוויקסן אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 782,232 דאלער פאר 195 אקער מיט 94 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דזשענעסי לענד טראסט (דזשענעסי קאונטי) - ברענטאן פארמעס (קעש געוויקסן אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון פעלד געוויקסן) - 1,365,302 דאלער פאר 585 אקער מיט 77 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דזשענעסי וועלי קאנסערוועני (דזשענעסי קאונטי) - קאטאנווד פארם (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון לייווסטאק אדער לייווסטאק פראדוקטן) - 1,853,625 דאלער פאר 788 אקער מיט 41 פראצענט פראדוקטיווע באדנס

- דזשענעסי וועלי קאנסערווענסי (ליווינגסטון קאונטי) - דוליטל פארם (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון לייוסטאק אדער לייווסטאק פראדוקטן) - 1,487,195 דאלער פאר 623 אקער מיט 81 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דזשענעסי וועלי קאנסערווענסי (ליווינגסטון קאונטי) - זארנאו פארם (קעש געוויקסן אפעראציע געשאנקען אונטער'ן ספעציאליטעט פון געוויקסן) - 1,385,953 דאלער פאר 458 אקער מיט 83 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דזשענעסי לענד טראסט (וואינע קאונטי) - וועסטפול פארם (קאלב פלייש און קעש געוויקסן אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 1,092,989 דאלער פאר 240 אקער מיט 73 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דזשענעסי וועלי קאנסערוועגסי (ליווינגסטון קאונטי) - ברעדי פארמעס נומער 1 (קעש געוויקסן אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 2,000,000 דאלער פאר 1,278 אקער מיט 91 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דזשענעסי לענד טראסט (אונטאריו קאונטי) - היקארי לעין פארם (קאלב פלייש און קעש געוויקסן אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 1,840,934 דאלער פאר 274 אקער מיט 59 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דזשענעסי וועלי קאנסערוועגסי (ליווינגסטון קאונטי) - לאקוסט לעין פארם (קאלב פלייש אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 350,940 דאלער פאר 141 אקער מיט 91 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דזשענעסע לענד טראסט (דזשענעסי קאונטי) - אדדערלאי בעטער אקערס (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 492,626 דאלער פאר 242 אקער מיט 88 פראצענט פראדוקטיווע באדנס
- דזשענעסי וועלי קאנסערוועגסי (דזשענעסי קאונטי) - האר-גאו פארם (מילכיגע אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 1,489,130 דאלער פאר 634 אקער מיט 60 פראצענט פראדוקטיווע באדנס

**סאוטערן טייער (1,189,696 דאלער פאר 428 אקער):**

- פינגער לעיקס לענד טראסט (טשימונג קאונטי) - בורקרעסט פארם (קאלב פלייש אפעראציע געשאנקען אונטער'ן קאטעגאריע פון נוצבארע אגריקולטור לענד-אנדערע) - 1,189,696 דאלער פאר 428 אקער מיט 68 פראצענט פראדוקטיווע באדנס

**סטעיט אגריקולטור קאמישאנער ריכארד א. באלל האט געזאגט,** "דאס באשיצן אונזערע פארם לענדער איז דער גרונט פון אונזער ארבעט ביי די דעפארטמענט צו וואקסן די אגריקולטור אינדוסטריע, שטארקן דאס קייט פון צושטעלן עסנווארג, און באקעמפן אקלים טוישונג. דורכן אפהיטן אונזערע ווערטפולע אגריקולטוראלע לענדער פון באקומען דריקעניש, האלטן מיר צו אט דעם באדייטפולע רעסאורס פאר אונזער קומענדער דור און העלפן פארמער צו לאזן וואקסן און פראדוצירן פארשידענע געוויקסן און סחורות צו אינוועסטירן פונדאסנייי אין זייער ארבעט."

**סענאטור מיטשל הינטשי האט געזאגט,** "ניו יארק'ס פארם לענדער איז צווישן די טייערסטע און אומ-צוריקבאקומענדע רעסאורסעס מיר האבן, און דאס מאכן א סטעיט פריאריטעט צו עס באשיצן וועט העלפן פארזיכערן דאס פארזעצן צו זיין דער גרונט פון אונזער עסנווארג און א שליסל שותף אין אונזער קאמף קעגן די אקלים קריזיס. די פארם לענדער באשיצונג איינפירונג געשענק פראגראם האט געהאלפן אונזערע פארמער און ארטיגע לאנד אפהיטונגען אפראטעווען פאר שטענדיג טויזנטער אקער פון עמפינדליכע פארם לענדער. גוט ווינטשונג צו דאטשעס לענד קאנסערוועגסי און קנעפ פארם אין מיין דיסטריקט און אלע פארמעס איבער ניו יארק וואס האבן דערהאלטן געלט געשענק צו באשיצן זייערע לענדער פאר יעצט און פאר די צוקונפטיגע דורות."

**אסמעבלי מעמבער דאנא לופדארדו האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ אז מיר קענען ווידער פריאריטיזירן די פארם לענדער באשיצונג פראגראם אין דעם סטעיט בודזשעט, צו העלפן אנהאלטן אגריקולטור לאנד צו פראדוצירן און פארמערס אין ביזנעס. דער פראגראם איז געגרינדעט אויף אונזער איבערגעגעבנקייט צו NY'ס אגריקולטוראלע עקאנאמיע, צוזאמען מיטן פארשפרייטן אקלים פריינטליכקייט. גוטע ווינטשונגען פאר אלע באשאנקענע; איין מאל דאס ווערט איינגעפירט, צוזאמען מיט זייערע פראיעקטן וועלן זיי אפהיטן איבער 12,300 אקער פון פארם לענדער. אט די וויכטיגע ארבעט ווערט געטאן לטובת די צוקונפטיגע דורות."

**ניו יארק פארם ביורא פרעזידענט דייוויד פישער האט געזאגט,** "ניו יארק'ס הויפט פארם לענדער איז וויכטיג צו באוואקסן פאר פראדוקציע און צו צושטעלן אפענע פלעצער. די ניו יארק פארם ביורא באדאנקט גאווערנער האקול פארן פארזעצן צו באשיצן אונזערע פארמעס פאר די צוקונפטיגע דורות דורך די פארם לענדער באשיצונג פראגראם. די געלט וועט פארמיידן אנטוויקלונג אויף א טייל פון די בעסטע באדנס אין דעם סטעיט און וועט אויך העלפן פאמיליע פארמעס צו אינוועסטירן ווידער אין זייערע קליינע ביזנעסעס."

**אמעריקאנער פארם לענדער טראסט ניו יארק פאליסי אנפירער מיקאעלא פערי האט געזאגט**, "אמעריקאנער פארם לענדער טראסט אפלאדירט גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור פארן אינוועסטירן אין די באשטענדיגע באשיצונג פון ניו יארק'ס פארם לענדער. פארם לענדער באשיצונג איז א קריטישער מיטל צו בויען שפייז זיכערהייט אין די ראיאנען, כדי בייצושטייערן געזונטע באדנס און ריינע וואסער און לופט, און מאכן זיכער אז עס איז דא באדן גרייט פאר צוקונפטיגע פארמער. AFT טוט גוט באוווינטשן אונזערע לאנד טראסט שותפים און די 33 פארמער וואס באשיצן איבער 12,000 אקער פון פארם לענדער פארן ארבעטן מידלאז צו אפהיטן איינס פון אונזערע ווערטפולסטע רעסאורסעס פאר די צוקונפטיגע דורות!"

דער ניו יארק סטעיט ׳דעפארטמענט אוו אגריקולטור ענד מארקעטס׳ אדמיניסטרירט דעם ׳פאַרם-ערד פראטעקשען אימפּלעמענטעישן גרענטס פראגראם׳ און איר פארבינדענע גרענט געלעגנהייטן. גאווערנער האקול האט געמאלדן אויף $47.25 מיליאן דאלער גרייט פאר דעם פראגראם אין יוני 2023. אלס טייל פון די געשענק פון געלטער, איז 4.5 מיליאן דאלער פארטיילט געווארן צו יעדן פון די סטעיט'ס 10 עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען. די 19'טע רונדע האט אויך פארגעזעצט די איין-מאליגע אינצענטיוו באצאלונג פון 10 פראצענט פון די ווערט פון די אגריקולטור אפהיטונג פארלייכטערונג פאר פראיעקטן וואס קומען נאך צילן פון אקלים פריינטליכקייט אדער קוואל וואסער באשיצונג.

די [גאווערנער האט דערקלערט די ערשטע סעריע פון געשענק, מיט מער ווי 6 מיליאן דאלער](#) וואס וועט ווערן צוגעשטעלט צו נאן-פראפיט אפהיטונג ארגאניזאציעס צו איינשאפן אפהיטונג פארלייכטערונג אויף אכט פארמעס, אין סעפטעמבער 2023. א צווייטע רונדע פון באצאלונג איז [דערקלערט געווארן אין יאנואר 2024](#), וואס שענקט מער ווי 5.5 מיליאן דאלער צו באשיצן סך הכל 2,119 אקער פון ווערטפולע פארם לענדער אויף זיבן ניו יארק סטעיט פארמעס.

אין דעצעמבער 2022, האט גאווערנאר האקול אונטערגעשריבן לעגיסלאציע וואס שטעלט די ציל צו שטיצן און צוגעבן צו נאציאנאלע באמיאונגען צו קאנסערווירן כאטש 30 פראצענט פון U.S לאנד און וואסער ביז 2030. דער געזעץ שטופט פאר א גרעסערע ספעקטרום פון סארטן באשפעניש, און היט אויף ניו יארק'ס ווילדע באשעפעניש, וועלדער, און ריינע וואסער קוועלער, וועלכע זענען אלע קריטיש פאר ניו יארק'ס געזונטהייט און עקאנאמיע, פארבעסערונג פון די וואסער קוואליטעט, און א שטרענגע אומגעבונג יוסטיץ אגענדע. די היינטיגע מעלדונג פון כמעט 33 מיליאן וואס ווערן געשאנקען צו נאנ-פראפיט אפהיטונג ארגאניזאציעס צו באשיצן סך הכל 12,356 אקער פון ווערטפולע פארם לענדער אויף 33 פארמעס איבער'ן סטעיט דורך די FPIG פראגראם ברענגט נענטער די סטעיט צו די 30 פראצענט פון די U.S. באדן און וואסער ביז 2030.

דער ׳פאַרם-לענד פראטעקשען אימפּלעמענטעישן גרענטס פראגראם׳ שטעלט צו פינאנציעלע הילף פאר קאונטיס, מוניציפאליטעטן, ערד און וואסער קאנסערוועישען דיסטריקטס, און לאנד טראסט צו ערמעגליכן איינצופירן פאַרם-שטח אפהיט אקטיוויטעטן אין איינקלאנג מיט ארטיגע אגריקולטור און פאַרם-שטח אפהיט פלענער. דער מערסט-אפט-פינאנצירטע אקטיוויטעט איז דאס איינקויפן פון דעוועלאפמענט רעכטן אויף איינצעלנע פאַרמס. פונדעסטוועגן וועט דער פראגראם פארטיילט אויך געלטער צו ערמעגליכן איינפיר אקטיוויטעטן, ווי צ.ב.ש. ענדערונגען צו ארטיגע געזעצן וועלכע אפעקטירן אגריקולטור, אַפּשען הסכמות, או דעקן די טראנזאקציע קאסטן פון ביישטייערטע אגריקולטור קאנסערוועישען איזמענט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן